העפטל 11־10 6 פענס

# פרילינג 1941

א. נ. שטענצעל.

וויטשעפל—לאנדאן הייאר מאי

## א רויזן־קושאס

אט וועט ער זיך בלוטיק צעבליען,
מיטן גלאנץ פון ויינע דערנדלעך, דער קושאק,
ווי די מאמע מיט איר קינד, יענע נאכט,
טוליענדיק עס אזוי בעקעלע צו באַק.

טויט שוין איז עס געוועזן און אזוי בלאס,
אבער גאנץ איבערנאסן מיט זידיקן רויט!
א צוואטנעקנוילטער קושאק, א צעבליטער,
איר פארוואונדעטער לייב מיט קינדעלע, טויט — —

קאָן ווער עס דען צוריקאויפוועקן ?
און ווער וואָגט עס צונעמען פון אירע הענט!
די מאמע מיט איר קינד, אין יענער נאכט,
אין זיין צוואטגעקנויל כ'האב ביידע דערקענט.

## טולפן־בייטן

וויטאקן וואס נעמען זיך צוואטען,
אויפצופלאצן אין בלוטיקע וונדן,
בייזע געשווילעכצער אועלבע,
אייטעריקע און פיבערדיק צעצונדן,

שטייען הייאר צייטיקע די טולפן,
אויפגעקנאספעטע צום אויפברעכן,
דער אָטעם פון זיי אזא קראנקער,
פון גוססדיקע אין לעצטן אויסרעכן — — —

און אפשר פרעסט עס אין מיר נאָר אַזוי,
ס'נעסט זיך אייטערדיק בלוטיק צוואטען!
וויט יענער נאכט, ס'טויטע קינד געווען
אויף די צעשונדרענע הענט פון דער מאמען.

## דאס בליענדיקע ביימל

דאס פֿריש צעבליטע, דאס יונגע ביימל,
פֿון צווישן די אָפֿענע חורבות אַרויס,
פֿון די קופּעס הייזער, צעשאָטענע,
שטאַרטשענדיק מיטן שפּיץ קיים בלויז;

ווי אויף ברייטע, אויף אָפֿענע לאָנקעס
ס'וואָלט געשטאַנען איצט דאָ הינטער אַ סטויג —
אָ, אַ שפּליטער אַזאַ וואַרפֿט עס זיך,
אין מיין ווייאיקן פֿאַרוווּנדעטן אויג!

נישט רויטליכער צווית איף צווייגלעך —
פֿון געהרגעטע גאָר ס'בלוט־געשפּריץ!
און פֿון מיין בליק בלוטיק צעשטאָכן,
מיטן אַרויסשטאַרטשעדיקן ביימל־שפּיץ.

## רואינעס 1

ווי מיט אַ שטומפּיק מעסער, ווי אָפּגעשניטן,
שטייט דאס איבערגעבליבענע, דאס שטיק גאַס,
אויף דער נאַקעט־ענטבלויזטער וואַנט די ביכער שאַנק,
אויסטערליש אַזוי, ווי עפּעס אַ מאָוסער שפּאַס —

גלייך געררייצט ווי וואָלטן זיך מיט דעם וואָס געשען,
פֿונקלען גאָלד־געליישטע רוקנס אין פֿרילינג־זון!
כאָטש צוזשטעלן די פּייערלעשער־לייטער,
צום לייענען איצט אַרויסנעמען איינס דערפֿון —

וואָרעם יענער טענטש, וועמען ווי האָבן געהערט,
מיטן ווייכן זאַפֿאַ און וואַרעמען קאַמין,
ס'איז דאָך פֿון ווי גאָרנישט מער איבעריקגעבליבן —
ווי אָט־אָ דאָ, דער בלוטיק בלאָטיקער רואין.

## רואינעס 2

נישט דאס שויבן־גלאָז, די פֿענסטער־ראַמען —
דאָס גאַנצע הויז צעברעקלט און צעשפּליטערט!
די גאַס — אַ שויב פֿון אַ שטיין געטראָפֿן! —
אַ צערעדערטער טייך אויפֿגעגליצערט — —

## דאס בליענדיקע ביימל

דאס פֿריש צעבליטע, דאס יונגע ביימל,
פֿין צווישן די אָפֿענע חורבות אַרויס,
פֿון די קיפּעס הייזער, צעשאָטענע,
שטאַרטשענדיק מיטן שפּיץ קיים בלויז;

ווי איוף ברייטע, אויף אָפֿענע לאָנקעס
ס'וואלט געשטאנען איצט דאָ הינטער אַ סטויג —
אָ, א שפּליטער אַזאַ ווארפֿט עס זיך,
אין מיין ווייאיקן פֿארווונדעטן אויג!

נישט רויטליכער צווים איף צווייגלעך —
פֿון געהרגעטע גאַר ס'בלוט־געשפּריץ!
און פֿון מיין בליק בלוטיק צעשטאכן,
מיטן אַרויסשטאַרטשעדיקן ביימל־שפּיץ.

## רואינעס 1

ווי מיט אַ שטומפּיק מעסער, ווי אָפּגעשניטן,
שטייט דאס איבערגעבליבענע, דאס שטיק גאַס,
אויף דער נאקעט־ענטבלויזטער וואַנט די ביכער שאנק,
אויסטערליש אַזוי, ווי עפּעס אַ מאוסער שפּאַס —

גלייך געדייצט זיי וואָלטן זיך מיט דעם וואס געשען,
פֿונקלען גאלד־געליישטע רוקנס אין פֿרילינג־זון!
כאטש צוזשטעלן די פֿייערלעשער־לייטער,
צום לייענען איצט אַרויסנעמען איינס דערפֿון —

וואָרעם יענער מענטש, ווענען זיי האבן געהערט,
מיטן ווייכן זאַפֿאַ און וואַרעמען קאַמין.
ס'איז דאך פֿון זיי גאָרנישט מער איבעריקגעבליבן —
ווי אָט־אָ דאָ, דער בלוטיק בלאָטיקער רואין.

## רואינעס 2

נישט דאס שויבן־גלאָז, די פֿענסטער־ראָמען —
דאָס גאַנצע הויז צעבראָקלט און צעשפּליטערט!
די גאס — אַ שויב פֿון אַ שטיין געטראָפֿן! —
אַ צערעדערטער טייך אויפֿגעגליצערט — —

ס'איז דער הימל דער צעבלויטער־צעביילטער!
ס'איז מיין טומנער, מיין פֿאַרלאָשענער בליק!
ווי ס'טויבן געפֿלאַטער פֿאַר מיין פֿענסטער—
דאָס ליכטיק צערענדערטע אַהין און צוריק!

אָ, פֿונם געהילך, פֿון די אויפֿרייסן,
דער גאַנצער אַרום שוין אַ וויסטער העק——
און דער טאַנץ פֿון דער טויב פֿאַר דער טויבעכע,
פוך־צעשליסן— אַ צעפלאָשעטער פֿון ווילדער שרעק!

## רואינעס 3

אַ פֿאַרגילדעטער קופּל וואָס שוועבט איבער קאָפּ,
ווי דאָס געטשווימשער איצט דרויסן אין פֿעלד,
אַזוי איז געווען ליכטיק קלאָרער געדאַנק,
הימליש אויפֿגעפֿלאַטערט איבער פֿינסטערניש וועלט—

מענטשלעך וואָרט צו וואָרט, געדאַנקל צו געדאַנק
ווי אַ פֿעדערל, ווי אַ שטרויעלע צום נעסט;
ווי צוזאַמענגעוועבט, ווי מיאיק אויפֿגעבויט,
און ווי געגלויבט אין דעם אַזוי שטאַרק אַזוי פֿעסט.

איינגעבראָכן ס'איז מענטשלעך הייליקער געדאַנק,
אַ געטראָפֿענער קופּל איצט ס'איז דאָס געמיט!
האָט זיך נישט דאָס משחית-געפֿלאַטער איבער אונז,
ווי אין אַ נעסט אין אינזערע קעפּ אויסגעבריט?

## די פייגל הייאַר

און ווען די פֿייגל וועלן אָנקומען,
זייער־ע נעסטלעך ווו אויסצוקלײַבן — —
אַז אונזער דאַך איז נישטאָ איצט מער
און אויך נישט יענער וואָס דאַנעבן —

אָ, אַזויפֿיל צעשאָטענע פֿעדערן,
די גאַנצע וועלט כאָטש נעסטלעך אויסצובויען!
אָבער אַז מיט איינענע הייזער אַזוי,
ווי אַזוי אונז נעסטער נאָך אָנפֿאַרטרויען?

נישט מיט זינגען פֿאַר אונזערע פֿענסטער —
מיט אַזאַ וויינענדיק שטיל טשוויטשען

ווען די פֿייגל אָנקומען הייאָר
און דערזען די חרבות און דאָס מיטשען —

## בין השמשות

די אימה ווען דער אוונט קומט אָן,
די גאַסן פֿולע מיט וואַקלדיק איילן,
דערשראָקן און טרויעריק די מענטשן —
חיהלעך אַזעלכע וואָס לויפֿן אין היילן.

מוילוואָרפֿן מיט פֿאַרוישטורעטע בליקן,
נישט אָנצוקוקן איינער דעם צווייטן,
און נישט דעם בלויען בין השמשות־הימל —
וונדער־ליכע פֿיילעכלעך צעבליטע בייטן.

ווי ס׳שמערנט זיך דאָס אויס דער בלייכער הימל —
דער פֿינצטערער טויט מיט זיינע טויזנט אויגן!
אַ שרעקלעך, אַ טאָפּנדיק אומגעהויער,
מיט גראַטשעס אין שוואַרצע לאַפּעס איינגעצויגן.

## אַ פֿרילינג־נאַכט הייאָר

אַ שוואַרצע פֿלעדערמויז אַזאַ,
פֿון פֿינסטערנישן אויפֿגעוואַכט,
פֿאַרפלאָנטערט אין שוידער פֿון קעפּ
איז די פֿליגל־צערוישטע נאַכט.

יעדער טעמפּער האַסטיקער קלאַפּ,
אויפֿטרייסלדיק ביזן פֿונדאַמענט —
איר בלינדער אומגעלומפּעטער פֿלי,
זיך שטויסנדיק אין דעכער און ווענט! —

— — — — — — — —

מיט אירע פֿליגל צעבראָכענע,
אונטער די חרבות פֿון הויז צו הויז
זי טשאַטעט פֿינסטער אַ גאַנצן טאָג,
ביז ר׳לעשט שוידערדיק זיך ווידער אויס.

## פֿולע לבנה

אַ פֿולע איז דרויסן די לבנה,
ווי צו פֿולן די גאַנצע וועלט מיט גליק!

און דאַ־אָ האָט אַ קינד מיך אָנגעקוקט,
מיט אַזאַ גרויסן קיילעכדיקן בליק,

אַזאַ לכנהשן, אויפֿנייענדיקן,
אַז דאָס האַרץ ווערט אָנגעפֿולט מיט פֿרייד!
האב איך אויסגעדרייט מיין פּנים צו וואנד,
א גוססדיקן גלייך, ווען ס'קומט אָן זיין צייט.

ז'כער האב איך אוינן פֿולע געהאַט ——
האָב איך, האָט ס'קינד די גאַנצע נאַכט געוויינט?
פֿון אַ שטאַרקן העש כ'האָב מיך אויפֿגעכאַפּט,
דרויסן האָט לבנה נישט מער געשיינט ———

## שאַריען

מיט דער „בינרע" שוין איבער די אויגן,
פֿארשפּטע ביים ווענטל געשטעלט,
שטייען מיר אזוי די גאנצע נעכט,
ביז דער באגינען ווידער אויפֿהעלט —

יענער רייטער אויפֿן צעשוימטן פֿערד,
וואס קומט אָנגעריטן מיט שנעלן געלאָף!
פֿאָכנדיק מיט דער „בענגארונג" אין לופֿט,
אָנצוקומען נאָך איידער ס'איז דער סוף ———

אָבער פֿון געטראָפֿענעם, פּונקט אין ציל —
די אויפֿגעריסענע ווונד ס'איז די זון!
אין דער שאַריען אזוי בלוטיק רויט —
דאס וואַרעמע ריטשקעלע בלוט דערפֿון!

## זונפלעקן

זיינען עס די פֿייערן פֿון אַ גאנצע נאכט,
וואָס לעקן די ווענט מיט זייער צונגיק געפֿלאַם,
צי די זון פֿון אַ קיינן, וואס פֿאַלט דורך אַ שפּאַלט,
און ס'איז זון־אויפֿגאנג אַצינד דרויסן מן הסהם?

ס'שרייבן זיך אזעלכע ליכטיקע אותיות
אויף פֿינסטער נאסער וואַנט, אויף נאַקעטן געשטיין,
העראָגליפֿן, לעכעריקע, צעציטערטע!
אז יעדעס האַרץ קאָן עס דייטלעך פֿארשטיין —

דורך פֿארהוילנסטע שפּאַרעס, דורך שמאָלסטע שפּאַלטן
דאָס ליכטיקע וואָרקן דרויסן פֿון אַ טויב,
זי ליינט אַזוי ליבלעך פֿאַר אַלע אויערן———
נאָך אַזאַ נאַכט פֿון געהילכן שיר נישט טויב.

## באגינען

1

די ווייטקייט פֿון אַזאַ פֿריש צעוויקלטן הימל,
מיט יערן בליק אין אים זיך צו פֿאַרלירן—
אַ פֿויגל פֿין זיין טונקלען נעסטל אַרויס,
פֿון אונזערע אויסגעלאָשענע געהירן.

ווי סטוטנע פֿאַרוויקלט מיט אומעט זיי זיינען
און פֿול אַזוי מיט פֿאַרפֿינסטערטן געמאַטער,
און דאָס כסדרדיקע זיך רייסן אין זיי,
מיט אַזאַ געבראָכענעם פֿליגל־געפֿלאַטער.

ווי ס'רייסט זיך אַזוי לויטער אין הימל אַרויף,
ליכטיק צעשיטערט אין געוויקל פֿון שיינען!
נאָר אונזערע מרה־שחורהדיקע בליקן,
ווי סטוטנע פֿאַרוויקלט מיט אומעט זיי זיינען.

2

אַז אין אונזער בליק ס'לייטערט זיך נישט דער הימל,
ער וועט קיינמאָל נישט אויסגעלייטערט ווערן;
ס'געטשוויטשער פֿון די אָנקומענדיקע פֿייגל
מיט איינענעם געפֿלאַטער מ'מוז'ס דערהערן!

ווי אין יעדן טוי־טראָפּנדל אויף בלומען־בלעטל
צעפֿינקלטער הימל אין ציטער פֿון קאָלירן,
אַזוי אין יעדן קרייזנדיקן בלוט־טראָפּן
מ'מוז דאָס לייטערן פֿון הימל דערשפּירן.

ווי ס'רייסט זיך אין הימל אַרויף, ווי ס'קרייזט דאָס,
ליכטיק צעשימערט מיט ציטער פֿון שיינען!
נאָר כסדר מ'ברעכט ווידער אין זיך צוזאַמען,
מיט איינגעהאַלטענעם, מיט דערשטיקטן וויינען.

## הייאַר צום ערשטן מיי (אַ תפילה אזא)

1

נישט די פֿייגל זיינען עס,
וואס קומען אָן צו פֿליען,
נישט די בלומען, די בויטער
מיט וואונדערליכן בליען,

און נישט דער קלאָרער הימל,
אַלץ ליכטיקער, אַלץ בלויער —
ס'איז דער מענטש, דעם מענטשנס האַרץ,
אַ באַפֿרייטער פֿון טרויער — —

ווי דער הימל פֿון כמאַרעס
פֿונם יאָך פֿריי צו ווערן!
און פֿון ווילדער רציחה —
דער קוואַל פֿון בלוט און טרערן.

2

נים די טויען זיינען עס,
פֿון דער זון אויפֿגעזויגן —
פֿין פֿרייד, פֿון מענטשליכער פֿרייד —
די טרערן פֿון די אויגן!

און מיט פֿייגל און מיט צווייט
ס'וועלן דעמלט די בליקן
אויפֿבליען, אויפֿפֿלאַטערן
מיט פֿרילינגדיק דערקוויקן —

דאָס וואונדערליכע צו זען,
אַ טייל דערפֿון צו ווערן!
אַ טוי־טראָפּ אזוי קלאָר
ס'מענטשליכע האַרץ אויפֿקלערן — —

## פֿאַרגעסמיכנישט

דאָס בלויליכע ריינע, דאָס געלייטערטע,
דער פֿרילינג־הימל אין זיינע טיפֿע הייכן,
און דאָס וואונדערליכסטע אין ליכטיקע אויגן,
ווען געליבטער און געליבטע זיך דערגרייכן --

ס'האט דער הימל זיינע פֿארבענקטע בליקן,
צו דער פֿ־ישער ערד צניעותדיק צוגעוואָרפֿן,
און אין יעדן בליק, דער שטאָלץ און די הכנעה,
יענער שטילער ציטער: האב איכ'ס באראָרפֿן ? !

"פֿארגעס מיך נישט" מורמעלט מען ענוותדיק,
צו דעם ערליכן הכנעהדיק געבוינן — — —
ס'איז אויסגעהויכטער געהייליקסטער עכאָ,
פֿון יענע וונדערליכע הימלישע אויגן.

## שטיפמיטערלעך

ווי לעבריקע, ווי אויסצורוען,
אויף א ווײַלע נאָר צו בלייבן ליגן,
ווי מיטן אין פֿליען, פֿארמאטערטע,
איינע די אנדערע זיך צו קריגן;

צוגעפֿאלענע צו גרינע בלעטלעך,
אין אויגנבליק צוריק אָפּצופֿליען!
מיט זייערע פֿליגעלעך, צעמיגניעטע,
זניק שוועבעדיק אויפֿצוגליען —

יאָ, זומער־פֿייגעלעך אזעלכע,
מיט פֿליגעלעך סאָמעטן־זיידן;
אָט פֿליט איינס נאָר אָן, באהעפֿט זיך מיט איינעם,
און ווער ווייסט, צי ס'קאָן אונטערשיידן — — —

## פרימל (פאר עליזאבעט)

קליינע פרימל בלימלעך איז עס געוועזן,
וואס כ'האב דיר דעמלט געברענגט צו טראגן;
מ'זאָגט: „פרימלען זאָלן ברענגען אומגליק",
אבער דו, קאָנסט דו דען דאָס דאָ זאגן?

און איך, מעג איך ריידן פֿון אומגליק?
איז פֿאַרהאַן גרעסערס ווי א מענטש דערפֿ־ייען!
אָ, אַלע צעבליטע בײַטן היייאָר,
ווי ס'וואָלט ווער נאָר פרימלען געוועזן פֿארזייען — —

אָבער תמיד, ווען כ'דערזע די קליינע בלימלעך,
קאָן איך די פֿרייד פֿון דיינע אויגן לעזן:

ס'האט דער הימל זיינע פֿארבענקטע בליקן,
צו דער פֿ־ישער ע־ד צגיעותדיק צוגעוואָרפֿן,
און אין יעדן בליק, דער שטאָלץ און די הכנעה,
יענער שטילער צ־טער: האב איכ'ס באראָפֿן??!

"פֿארגעס מיך נישט" טורמעלט מען ענוותדיק,
צו דעם ערליכן הכנעהדיק געבוינגן———
ס'איז אויסגעהויכטער געהייליקסטער עכאָ,
פֿין יענע וונדערליכע הימלישע אויגן.

## שטיפמיטערלעך

ווי לעבדיקע, ווי אויסצורוען,
אויף א ווילע נאָר צו בלייבן ליגן,
ווי מיטן אין פֿליען, פֿארמאטערטע,
איינע די אנדערע זיך צו קריגן;

צונעפֿאלענע צו גרינע בלעטלעך,
אין אויגנבליק צוריק אָפּצופֿליען!
מיט זייערע פֿלינעלעך, צעמינניעטע,
זניק שוועבעדיק אויפֿצוגליען —

יאָ, זומער־פֿ־יגעלעך אזעלכע,
מיט פֿליגעלעך סאַמעטן־זיידן;
אָט פֿליט איינס נאָר אָן, באהעפֿט זיך מיט איינעם,
און ווער ווייסט, צי ס'קאָן אונטערשיידן ———

## פרימל (פאר עליזאבעט)

קליינע פרימל בליטלעך איז עס געווען,
וואס כ'האב דיר דעמלט געברענגט צו טראגן;
מ'זאָגט: „פרימלען זאָלן ברענגען אומגליק",
אבער דו, קאָנסט דו דען דאָס דאָ זאגן?

און איך, מעג איך ריידן פֿון אומגליק?
איז פֿאַרהאַן גרעסערס ווי א מענטש דערפֿ־ייען!
אָ, אַלע צעבליטע בייטן הייזאָר,
ווי ס'וואָלט ווער נאָר פרימלען געווען פֿארזייען——

אָבער תמיד, ווען כ'דערזע די קליינע בליטלעך,
קאָן איך די פֿריד פֿון דיינע אויגן לעזן:

אזוי ליכטיק־ערלעך, האַרציק־איינפאַך,
פונקט ווי דיין בליק, ווי ס׳איז דעמלט געווען.

## דעפּידיליען (C. פאַר)

ווי פאַרביטערט פון עפּעס, מרה־שחורהדיק,
פון טראַכטן פון טרויער פול צום איבערגיין;
ס׳זיינען די טריפנדיקע, די שווערע טוי־טראָפן
די גאַנצע נאַכט, פון אַ דערשטיקטן געוויין —

געניגט דען אין אייגן לייד זיך צו לייטערן,
ס׳מוז דאָך שוין דערפילן אַ צווייטנס פּיין!
ס׳האָט ווער דערפילט דעם צער פון דער וועלט,
און פאַרוואָס אירע יסורים געוואָלט פאַרשטיין.

שטייען ווי גרין־און־נעל פון אַ גאַנצע נאַכט,
אין רונצלען פאַרגליווערטער לבנהשער שיין!
פון אַ ווייסן אָזאַ, וואָס מאַכט שטיל און געבוקט:
דעם פאַרוואָס, ווי זיי וואָלטן אים פאַרשטיין — — — —

## קלעווער-בלעטלעך

נישט אַזוי דאָס רויטליכע קלעווער־בלימל,
ווי דאָס גרינע פירבלעטערדיקע דערפון — —
ווען געפונען כ׳האָב׳ס איינגעפּרעסט אין בוך,
איז מיין גאַנץ שטיבל פול געוואָרן מיט זון!

און וואָס איז אַז מיט די פינסטערע פייערן
צוזאַמען מיט אַלע איז מיין שטיבל מיט אַראָפּ!
אָ, און די פרייד פון מיין שווערן לעבן,
וואָס מיטן בלוט פון מיינע יאָרן פאַרשריבן כ׳האָב? —

אַז אויף די לאַנקעס הייאָר, ווי אַלעמאָל
בליט דאָך רויטלעך דער קלעווער ווידער צוריק:
אַ פירבלעטערדיקס צו זוכן און געפינען,
איינצופּרעסן ס׳האָרץ דערין, אַ פולס מיט גליק.

## פרילינג־רויזן

פון דעם פאַרפלאָנטערטן, פאַרקוישאַקעוועטן,
פון די טיפסטע, די פינסטערנישן אַרוים,
פון דעם הילדן, דעם ראָרניקן גיפטיקן
ווי ס׳טליעט וואונדערלעך אויף די ליכטיקע רויז.

און איז עס אין אונזערע הערצער נישט אַזוי?
און וויאַזוי דאָס איז, קאָנ'ס ווער דען פאַרשטיין!
טוליענדיק ווארעם, ווי בעקעלע צו באַק,
אויף צאַרטן רויזן־בלעטעלע דאָס זון־געשיין.

אַז מיט בלויען לעבן קוים זיך ראַשעווענדיק,
מיט טליענדיקער פרייד אָבער אַזוי אין בליק — — —
איז עס דען נישט אַן אָפשיין, אַ ליכטיקסטער,
פון דעם זיבערן, דעם נאָך קומעדיקן גליק.

## צייטיקע טולפּן (פרייגט ב. דייטש אַ מתנה)

זיינען נישט אויפגעגאַנגען וואונדערלעך די שטעט,
טולפּן־בלומען מיט זריעה־שטויב און מיט זוימען,
שטראַשירלעס צווישן די בליענדיקע ביימען
די אַרויסשטאַרטשעדיקע פאַבריקן קוימען?

פליען זיי יעצט אָן די באַמבערס און די פליערס,
ווי דו „ברומער" און ווי די ווילד־האָניק בינען
איבער די אויפגעבראַכענע גאַס־ און סקיוערן,
אויפגעקנאַספעטע מיט שטויבן־פּין רואינען.

און ווי די טויען און ווי די רעגן־טראָפּן,
די דאָרשטיקע בלומען־בייטן צו דערנערן,
אַלץ וואונדערליכער, הערליכער צו וואַקסן!
אַזוי איבער די שטעט איצט אונזערע טרערן.

## קוועקן

און וואָס זיינען דען די טיף צעגראָבענע גאַסן,
מיט די אויפגעריסענע, די קייבלס און רערן,
דאָס זיינען די קוועקן פאַרווילדעטע גראָזן,
וואָס מוזן פון די בייטן אויסגעקאָרטשעט ווערן;

מיט זייער ווערגענדיקן, פּאַסקע־פאַרוויקלטן,
דאָס וואַקסן פון די בלומען נישט מער צו שטערן;
די וואונדערליכע אויסגעצערטלטע צאַרטקייטן
מיט זייער בייזן גיפט נישט צו קענען פאַרצערן.

און די אויפגעפּלאַצטע וואַסער־רער אין מיטן גאַס,
אינם קראַטער אַזוי געוואַלטיק אויפגעבראָכן?
ס'איז לעבעדיק קוואַל־וואַסער, פינקלדיק צעשפּרודלט,
די בייטן צו באַשפּרענקלען און פייכט צו באַפּאָכן.

## רויטע רויזן (אויף קברים פֿון געפֿאַלענע)

1

אַז פֿון צווישן דערנער גייט אויף די צאַרטסטע רויז,
דאָס ליכטיקע גרין — פֿון אונטער פֿינצטערע טריט,
פֿאַרוואָס נישט פֿון טענשליכע ליידן און פֿון נויט
אַן אויפֿגייענדיקער טרוים ווי ליכטיקער צווייט?

פֿינצטערע קרירות, בייזעסטע שטורם־ווינטן — — —
אָבער אַז איין לינד־ווינטל בלויז ס'גיט נאָר אַ בלאָז,
אַ לייכטער שפּריי־רעגן ס'באַשפּרענקלט נאָר די ערד,
און זי ווערט באַדעקט מיט דעם שמעקעדיקן גראָז —

היילנדיקע קרייטעכצער, הייליקע געוויקסן,
פֿאַרבינסטע פֿריידן פֿאַר אויסגעלאָשענעם אויג,
און דער איינגעבויגענער, דער געבראָכנסטער
דערפֿילט היילנדיקע זון אין יעדן שמעכיקן בויג.

און ווי אָטעמט ער אויף, און ווי גלייכט ער זיך אויס
פֿון שווערן האַרטן שלאָף דער פֿאַרטייעטער בוים!
פֿאַרוואָס נישט ווייאיק־אויפֿגעשראָקן פֿאַרוועלקט האָרץ
מיט זיין אויפֿוואַכיקן, זיין אויפֿקנאַספּיקן טרוים —

— — — — —

דורך די שטעכיקסטע דערנער איז דער וועג פֿון מענש,
זיין פֿוס־טריט בלייבט פֿינסטער שטעקן אין שטויב און קויט,
נאָר גייט דען נישט זוניק אויף אין יעדן פֿון אונז
אַזאַ גלויבן שטאַרקער נאָך ווי נויט און ווי טויט — —

2

פֿון צווישן דערנער גייט אויף די רויט־צאַרטע רויז
פֿון ערד־טונקלניש, פֿון טיפֿנישן אַרויס — —
און ווי דערנידעריקט, ווי טיף דער מענש זאָל נישט זיין,
זיין בענקעניש אָבער אַזוי געוואַלטיק גרויס —

איז דאָך אונזער לעבן אויף דערפֿאַר נישט פֿאַרהאַן,
אַז ערד זאָל כסדר מיט בלוט ווערן באַדעקט!
ס'איז זיכערער אַזאַ בייזער געוויטער־רעגן נאָר,
פֿאַרטייעטער טרוים זאָל ווערן צוריק אויפֿגעוועקט —.

אַן אויפֿגענרינטער פליין צווישן בלויקן געצוויינ
צוועפֿענט זיך פֿריידיק פֿאַר אומעטיקן בליק.

## רויטע רויזן (אויף קברים פֿון נעפֿאלענע)

1

אַז פֿון צווישן דערנער גייט אויף די צאַרטסטע רויז,
דאָס ליכטיקע גרין — פֿון אונטער פֿינצטערע טריט,
פֿאַרוואָס נישט פֿון טעגשליכע ליידן און פֿון נויט
אַן אויפֿגייענדיקער טרוים ווי ליכטיקער צווייט ?

פֿינצטערע קרירות, בייזעסטע שטורם־ווינטן — — —
אָבער אַז איין לינד־ווינטל בלויז ס'ניט נאָר אַ בלאָז,
אַ לייכטער שפּריי־רעגן ס'באַשפּרענקלט נאָר די ערד,
און זי ווערט באַדעקט מיט דעם שמעקעדיקן גראָז —

היילנדיקע קרייטעכצער, הייליקע געוויקסן,
פֿאַרבינסטע פֿריידן פֿאַר אויסגעלאַשענעם אויג,
און דער איינגעבויגענער, דער געבראָכנסטער
דערפֿילט היילנדיקע זון אין יעדן שטעכיקן בויג.

און ווי אָטעמט ער אויף, און ווי גלייכט ער זיך אויס
פֿון שווערן האַרטן שלאָף דער פֿאַרטייעטער בוים !
פֿאַרוואָס נישט ווייאיק־אויפֿגעשראָקן פֿאַרוועלקט האַרץ
מיט זיין אויפֿוואַכיקן, זיין אויפֿקנאָספּיקן טרוים —

— — — — —

דורך די שטעכיקסטע דערנער איז דער וועג פֿון מענש,
זיין פֿוס־טריט בלייבט פֿינסטער שטעקן אין שטויב און קויט,
נאָר גייט דען נישט זוניק אויף אין יעדן פֿון אונז
אַזאַ גלויבן שטאַרקער נאָך ווי נויט און ווי טויט — —

2

פֿון צווישן דערנער גייט אויף די רויט־צאַרטע רויז
פֿון ערד־טונקלניש, פֿון טיפֿנישן אַרויס — —
און ווי דערנידעריקט, ווי טיף דער מענש זאָל נישט זיין,
זיין בענקעניש אָבער אַזוי געוואַלטיק גרויס —

איז דאָך אונזער לעבן אויף דערפֿאַר נישט פֿאַרהאַן,
אַז ערד זאָל כסדר מיט בלוט ווערן באַדעקט!
ס'איז זיכערער אַזאַ בייזער געוויטער־רעגן נאָר,
פֿאַרטייעטער טרוים זאָל ווערן צוריק אויפֿגעוועקט —.

אַן אויפֿגערינטער פּליין צווישן בליאיקן געצוויינ
צועפֿענט זיך פֿריידיק פֿאַר אומעטיקן בליק.

אַזוי דאס אויפֿגעבראָכענע קוטענדיקע
צושאָטנס אויפֿגעציטערט מיט דערוואַרטעטן גליק — —

אַ, דאס באַבליסלטע, פֿאַרביק באַשפּרינקלטע
אַ פֿאַרגליווערטער פֿלעק וואס דערמאָנט און דערשרעקט!
דער אויפֿגעקנאָספּעטער, דער רויטער רויזן־ביים —
אַ פֿאַרוואונדעטער אין מיטן לויפֿן אויסגעשטרעקט — — — —

איבער שטעכיקע דערנער ס'איז דער טריט פֿון מענש,
און ווען שליאַך ביי שליאַך אַלץ פֿרישער און נענטער ווערט,
ווכערער נאָר דער וועג, באַשטימטער נאָר דאָס ציל
אין גלויביקע הערצער אַזוי הייליק באַגערט.

3

פֿין צווישן דערנער גייט אויף די צאַרטסטע רויז,
ווי זי צעקנאָספּעט דאס אַזוי רויט, אַזוי גרויס — —
און וואס פֿון אַ האַרץ, אַ פֿאַרשעמטס און צעריסנס,
ווען בלוטיק אין זיינע בענקענישן ס'גייט אויס?

און דער געטראַנק וואס סאָקראַטעס האָט געטרונקן,
איז ער נישט פֿון בליענדיקן צווײַג געווען?
אָבער אפֿשר אין יענער לעצטער רגע ערשט
האָט ער דאס טיפֿסטע דערפֿילט פֿון מענשן דערזען —

אונזערע הערצער ווינען פֿול מיט באַגערן,
יעטווערעס אָבער עפּעס אַנדערש עס באַגערט!
דערפֿאַר ווי אַ שאַרף צווישן צייטיקע גרעזער
גייט תמיד צווישן מענשן די בלוטיקע שווערט.

הייליקע קרייטעכצער, היילנדיקע געוויקסן — —.
אָבער דעם סם וואס דער מענש ציט פֿון זיי אַרויס!
און וואס פֿון אונזער ליבע, הייליק אויסגעטראָגן — —
ווייסט מאַטע צומאָל וואס זי ווינט אויס אין איר שויס — — — —

דורך די שטעכיקסטע דערנער איז דער וועג פֿון מענש,
צו וואָרצלען אַזוי מיט יעדן וווּנד פֿון זיין טריט!
אין פּוף'יקע רגע, אין אייביקן אָן־ענד —
הערלעך נאָך צוצעבליען מיט ווייאיקסטן שנים.

---

בן־א. סאַבאַטשעווסקי האַט דאס העפֿטל געזעצט ביי האַנט און געדרוקט אין
62 מערדעל סטריט, קאַמערשל רויד, איסט, 1.

אַזוי ראָס אויפֿגעבראָכענע קוטענדיקע
צושאָטענע אויפֿגעציטערטע מיט דערוואַרטעטן גליק — —

אָ, דאָס באַבליטלטע, פֿאַרביק באַשפּרינקלטע
אַ פֿאַרגליווערטער פֿלעק וואָס דערמאָנט און דערשרעקט!
דער אויפֿגעקנאָספּעטער, דער רויטער רויזן־בוים —
אַ פֿאַרוואונדעטער אין מיטן לויפֿן אויסגעשטרעקט — — — —

איבער שמעכיקע דערנער ס'איז דער טריט פֿון מענש,
און ווען שליאַך ביי שליאַך אַלץ פֿרישער און נענטער ווערט,
ויכערער נאָר דער וועג, באַשטימטער נאָר דאָס ציל
אין גלויבוקע הערצער אַזוי הייליק באַגערט.

3

פֿין צווישן דערנער גייט אויף די צאַרטסטע רויז,
ווי זי צעקנאָספּעט דאָס אַזוי רויט, אַזוי גרויס — —
און וואָס פֿון אַ האַרץ, אַ פֿאַרשעמטס און צעריסנס,
ווען בלוטיק אין זיינע בענקענישן ס'גייט אויס?

און דער געטראַנק וואָס סאָקראַטעס האָט געטרונקען,
איז ער נישט פֿון בליענדיקן צווייט געווען?
אָבער אפֿשר אין יענער לעצטער רגע ערשט
האָט ער דאָס טיפֿסטע דעמלט פֿון מענטשן דערזען —

אונזערע הערצער זיינען פֿול מיט באַגערן,
יעטוועדעס אָבער עפּעס אַנדערש עס באַגערט!
דערפֿאַר ווי אַ שאַרפֿ צווישן צייטיקע גרעזער
גייט תמיד צווישן מענטשן די בלוטיקע שווערט.

הייליקע קרייטעכצער, היילנדיקע געוויקסן — —
אָבער דעם סם וואָס דער מענטש ציט פֿון זיי אַרויס!
און וואָס פֿון אונזער ליבע, הייליק אויסגעטראָגן — —
ווייסט מאַטע צומאָל וואָס זי ווינט אויס אין איר שויס — — —

דורך די שמעכיקסטע דערנער איז דער וועג פֿון מענטש,
צו וואַרצלען אַזוי מיט יעדן וווּנד פֿון זיין טריט!
אין סוף־יקע רגע, אין אייביקן אָן־ענד —
הערלעך נאָך צוצעבליען מיט ווייאיקסטן שניט.

בן־א, סאַבאַטשעווסקי האָט דאָס העפֿטל געזעצט ביי האַנט און געדרוקט אין
62 מערדעל סטריט, קאָמערשל ראָוד, א.סט, 1.